פרייטאג פ' כי תבא, ט"ו אלול, תש"פ • Friday, Sep 4, '20

תורה
דער איד
ענינים

## שנות דור ודור

הגאון הקדוש
רבי **זאב נחום באָרנשטיין** זי"ע
רב אין עלקיש און ביאלא — מחבר "אגודת אזוב"
• י"ט אלול תרמ"ה •

**135 יאָר פונעם הסתלקות**

אחד היה אברהם

# דער גרויסער ברסלב'ער מנהיג אין ארץ ישראל

הגאון החסיד
רבי **אברהם שטערנהאַרץ** זצ"ל



לאַנגע יאָרן דער "שליח ציבור"
און "משפיע" אין אומאַן און
שפּעטער דער מייסד פונעם
"קיבוץ" פון ברסלב'ער חסידים
ראש השנה אין אתרא קדישא מירון

צו די 65'טע יאָרצייט
כ' אלול תשט"ו – כ' אלול תש"פ



## מעתיק השמועה

המשך זכרונות, סיפורים און שיחות קודש, [illegible]
הגאון הצדיק, חסידא ופרישא, מגדולי מעתיקי השמועה
**כקש"ת הגה"צ אב"ד ור"מ שאפּראַן זצ"ל**
[illegible]

הילולא דצדיקיא – כ"ב אלול
**הרה"ק רבי מרדכי האָראָסטיפּאָלער זי"ע**

חינוך מיטלעך:
**איינער אליין מיטן פּתעם היילגע שבת**

הלכות שבת – א' ענין בהלכה:
**מלאכת צידה**

שתכלה שנה וקללותיה:

# תוֹכָחָה פון פרשת כי תבא

דער געוואלדיגער פחד פון די עליה - לייענען שנעל און שטיל - וועד איז עולה: בעל קורא, שמש, אָרעמאן, חשובסטער איד אדער "יעמוד מי שירצה" - "מי שמכיר פארן עולה - די וואס וועלן עולה אן א ברכה - נישט מפסיק זיין אינצווישן - אויב מאכט מען אמעות - מנהג ישראל תורה



אחד היה אברהם

# דער גרויסער ברסלב'ער מנהיג אין ארץ ישראל



## הגאון החסיד
## רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ"ל

לאַנגע יאָרן דער "שליח ציבור" און "משפיע" אין אומאַן און שפּעטער דער מייסד
פונעם "קיבוץ" פון ברסלב'ער חסידים ראש השנה אין אתרא קדישא מירון

צו די 65'טע יאָרצייט
כ' אלול תשט"ו – כ' אלול תש"פ

א

י. בוים

קומענדיגן כ׳ אלול ווערט אָפּגעצייכנט 65 יאָר זינט דער פטירה פון איינעם פון די גדולי משפיעי ברסלב אינעם לעצטן דור אין ארץ ישראל, הגאון החסיד הישיש רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ״ל, וואָס איז געווען אַ דירעקטער אייניקל פון הרה״ק רבי נתן מברסלב זצ״ל, דער תלמיד מובהק וממשיך דרכו פון הרה״ק רבי נחמן מברסלב זי״ע בעל ליקוטי מוהר״ן, און שפּעטער איינער פון די בולט׳ע זקנים און מנהיגים פון חסידי ברסלב אין ארץ ישראל, וואו ער איז אַרויפגעפאָרן אין יאָר תרצ״ו, און דאָרט געוואָרן דער מנהיג און משפיע פון חסידי ברסלב ביז צו זיין פטירה כ׳ אלול תשט״ו.

רבי אברהם איז געווען פון די גרעסטע משפיעים צווישן חסידי ברסלב, וואָס האָט איבערגעגעבן פאַר די קומענדיגע דורות – פון וועלכע עס לעבן נאָך היינט תלמידים לאורך ימים טובים – דאָס וואָס ער האָט מקבל געווען יונגערהייט פון זיין זיידן רבי נחמן טשעהרינער זי״ע און פון די גרויסע תלמידים פון זיין זיידן הרה״ק רבי נתן מברסלב זי״ע. רבי אברהם האָט געדינט ווי אַ בריק וואָס האָט פאַרבונדן צווישן די ערשטע דורות פון ברסלב׳ער חסידים, ער האָט נאָך זוכה געווען צו זען צום וויניגסטנס פינף אידן וואָס האָבן זוכה געווען נאָך צו זען די הייליגע אויגן פון רבי נחמן מברסלב זי״ע, די עיני ה׳ אל צדיקים, און ער האָט דאָס איבערגעגעבן ביז צום היינטיגן דור, ווען ס׳דרייען זיך נאָך אַרום תלמידים לאורך ימים ושנים טובות, אידן וואָס האָבן מקבל געווען תורה מפיו.

ווי ס׳איז איינגעשטעלט אין ברסלב נישט אויפצונעמען קיין אדמו״רים, איז רבי אברהם שטערנהאַרץ טאַקע געבליבן בלויז מיט׳ן טיטל ׳הגה״ח׳, ווי אַלע גדולי מנהיגי ברסלב במשך הדורות, אָבער ער איז געווען נענטער צו דער מדריגה פון אַ רבי און אַ צדיק און אַ מנהיג חסידות. שטייענדיג יעצט פאַר זיין יאָרצייט, וועלן מיר אַרומרעדן איבער זיין רייכן לעבן, צום ערשט די תקופה אַלס שליח ציבור און בעל משפיע פופציג יאָר אין אומאַן, וואו ער האָט צעריסן אידישע הערצער מיט זיינע תפילות און תורה׳ס, און דערנאָך די תקופה אין ארץ ישראל, וואו ער האָט אַוועקגעלייגט זיין גאַנצע גרויסקייט אין דער זייט, און טראָצדעם וואָס ער איז שוין געווען בערוב ימיו, זייענדיג דער זקן החבורה, וואָס האָט נאָך געדינט אַלס רב אין קרעמענטשוג, און דער גרויסער דולה ומשקה פון אַזויפיל יאָרן תלמידי ברסלב, האָט ער זיך פריש אַריינגעוואָרפן מיט אַ באַנייטן חיות, שאַפנדיג אַ מקום קבוע פאַר ברסלב׳ער חסידים אין ירושלים וואו צו דאַווענען און לערנען, צום ערשט אין אַלט-שטאָט ירושלים און שפּעטער אין דער קאַטאַמאָן געגנט, און באַזונדער דאָס איינצושטעלן דעם ברסלב׳ער ׳קיבוץ׳ אויף יעדעס יאָר ראש השנה אין מירון.

ביים שרייבן דעם אַרטיקל האָבן מיר זיך באַנוצט מיט׳ן הערליכן צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל אין די ספרים ׳כיסופים׳, ׳הארי שבחבורה׳, ׳טעם זקנים׳, ׳שיח שרפי קודש ברסלב׳, און פון וואָס מיר האָבן געהערט פון עטליכע אייניקלעך פון הגה״ח רבי משה בורשטיין זצ״ל, ביי וועם אין שטוב רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ״ל האָט געוואוינט סוף ימיו, און ער און די משפחה זענען געבליבן דבוק אין אים אויף אַן אופן מיוחד.

## אייניקל פון רבי נתן אַ יתום

הגה״ח רבי אברהם זצ״ל איז געבוירן כ״ג ניסן תרכ״ב אין ברסלב, אוקראַינע, צו זיין פאָטער רבי נפתלי הירש שטערנהאַרץ ז״ל, דער זון פון רבי שכנא ז״ל, בן הרה״ק רבי נתן [שטערנהאַרץ] מברסלב זי״ע. זיין מוטער מרת דבורה ע״ה, איז געווען אַ טאָכטער פון הרה״ק נחמן מטשעהרין זי״ע, מגדולי תלמידי הרה״ק רבי נתן מברסלב זי״ע.

אַלס פּיצל קינד, בלויז געציילטע חדשים נאָך זיין געבורט, איז זיין מאַמע נפטר געוואָרן, און אים איבערגעלאָזט אַ קליין יתומ׳ל. ער איז געבליבן ערשט וואוינען ביים טאַטן, ביז ער האָט אינצווישן חתונה געהאַט בזיוו״ש.

## ביים זיידן דער טשעהרינער רב

דאָס קינד אברהם איז דאַן אַריבער זיך האָדעווען אין הויז פונעם גרויסן זיידן, דער טשעהרינער רב זצ״ל, וואו ער האָט איינגעזאַפּט רוב תורתו וחכמתו, און ווי ער פלעגט דערציילן שפּעטער, האָט ער פון זיידן געלערנט רוב חלקי התורה מיט גרויס עיון.





היסטאָריש בילד פון אַ קיבוץ ברסלב'ער חסידים ביים ציון הק' אין אומאַן, מיט איבער 100 יאָר צוריק

שטאַפּלווייז האָט רבי נחמן טשעהרינער אַריינגעפירט דאָס אייניקל אינעם תורת החסידות פון ברסלב. היות רבי נחמן טשעהרינער האָט נאָך זוכה געווען צו קענען פּערזענליך הרה"ק רבי נתן זי"ע, האָט רבי אברהם אַזוי איינגעזאַפּט פון אַ כלי ראשון מאמרים, הנהגות און סיפורים פון רבי נחמן מברסלב זי"ע און זיין תלמיד רבי נתן זי"ע.

עקסטער האָט רבי אברהם זוכה געווען יונק צו זיין פון די תלמידים פון רבי נתן זי"ע, מער ווי אַלע זקני חסידי ברסלב, ווייל ביים זיידן דער טשעהרינער רב האָט ער כסדר געטראָפן תלמידים פון רבי נתן, וואָס זענען סך הכל געווען דער דריטער דור פון רבי נחמן מברסלב זי"ע, און דאָס האָט אים שפּעטער אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט אַלס איינער פון די גרעסטע דולים ומשקים פאַר ברסלב'ער חסידים.

צו האָבן אַ מושג ווי ווייט ברסלב'ער חסידים האָבן געהאַלטן פון רבי אברהם, קען מען נוצן דעם אויסדרוק פון איינעם פון די גדולי חשובי חסידי ברסלב, הגה"ח רבי יצחק ברייטער ז"ל פון פּוילן, האָט געשריבן אין אַ בריוו געשריבן צו הרה"ח רבי יצחק מאיר קורמאַן ז"ל (נחלי אמונה מכתב כג): "מיר ווילן אויך וויסן דעם חוות דעת פון רבי אברהם נ"י, צי ער וויל קומען צו פאָרן צו אונז. לויט מיין מיינונג האָט ער זוכה געווען גוט אַריינצוכאַפּן ... **ס'איז דאָך נישט דאָ צווישן אַלע אנ"ש איינער וואָס ווייסט ווי אים!"**

אין דער זעלבער צייט וואָס רבי אברהם האָט אַריינגעכאַפּט מקבל צו זיין פון זיידן און פון די גדולי חסידי ברסלב, האָט ער געהאָרעוועט אין תורה מיט עמל ויגיעה, זייענדיג באַרימט אַלס געוואַלדיגער מתמיד נפלא שוין פון יונגערהייט.

## איידעם ביים זון פון רבי נתן

ביי די 16 יאָר האָט שוין רבי אברהם חתונה געהאַט, און ווי ער האָט געזאָגט, האָט זיין זיידע דער טשעהרינער רב אויפגעהאַלטן די חתונה, ווייל ס'האָט אים נאָך געפעלט צו קענען מסיים זיין גאַנץ ש"ס פאַר דער חתונה!...

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָפּלטע אייניקל פון זיין זיידן רבי נתן מברסלב זי"ע. זיין רביצין איטה בתי' ע"ה איז געווען אַ טאָכטער פון רבי יוסף יונה ז"ל, וואָס איז געווען דער יונגסטער זון פון רבי נתן, און איר מאַמע אסתר שינדל ע"ה, איז געווען אַ טאָכטער פון מרת חנה צירל ע"ה, אַ טאָכטער פון רבי נתן זי"ע.

רבי אברהם פלעגט דערציילן פון זיין שווער ר' יוסף יונה, אַז ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער אַ געוואַלדיגער תמים, און דאָס תמימות פון זיין טאַטן רבי נתן האָט מען געזען אויף אים. דער ר' יוסף יונה איז געווען אַ בחינה פון "לא פסיק פומיה מגרסא", כמעט קיין רגע איז ער נישט געזעסן ליידיג! ער האָט געענדיגט 'דעם' ספר און אָנגעהויבן 'דעם' ספר! ער האָט געענדיגט ד' חלקי שלחן ערוך, און באַלד צוריק אָנגעהויבן, וחוזר חלילה, 'אָנגעהויבן' און 'געענדיגט' – אָבער פאָרט פלעגט ער יעדן טאָג זיך "געזעגענען מיט'ן טאָג", און מ'האָט שוין געוואוסט, אַז סוף טאָג זיפצט ר' יוסף יונה: "מיט וואָס איז אַוועקגעגאַנגען דער טאָג? מיט וואָס איז אַוועקגעגאַנגען דער טאָג? וואָס האָב איך אַריינגעגעבן אינעם טאָג?". טראָצדעם וואָס ער האָט אַזוי אויסטערליש אָפּגעהיטן דעם זמן ווי אַ גלאָק, האָט ער יעדן טאָג זיך געזעגנט פונעם טאָג מיט באַדויערן, אַז ער וואָלט געדאַרפט מער אויפטון.

## זאָגט די תורה ביי שלש סעודות

נאָך די חתונה איז רבי אברהם צוריק פון טשעהרין קיין ברסלב, און נישט צו לאַנג שפּעטער האָט מען אים געשטעלט זאָגן די תורה ביי שלש סעודות, וואָס איז געווען אַ פליכט וואָס האָט פאַר דעם באַלאַנגט צו זיין זיידן רבי נתן זצ"ל, און שפּעטער צו זיין תלמיד הגה"צ רבי נחמן חזן מטולטשין זצ"ל.

דאָס האָט ער שפּעטער אָנגעהאַלטן אַלע יאָרן, מ'האָט געוואוסט אַז ביי רבי אברהם שטערנהאַרץ איז שגור על פיו אַלע ספרי ברסלב, פון רבי נחמן און פון רבי נתן, ממש מיט'ן לשון. אַסאַך גדולי תלמידים פון זיין זיידן רבי נתן זי"ע פלעגן אַליין זיצן ביי שלש סעודות בעת רבי אברהם שטערנהאַרץ האָט פאָרגעלערנט דעם ספר ליקוטי מוהר"ן בעל פה, און ער האָט געזאָגט דערויף אַלע הלכות פון ספר 'ליקוטי הלכות'. ער איז געווען אַ בעל זכרון נפלא, און געהאַט אַ לשון לימודים, און ער איז אויך געווען זייער אַ פלייסיגער, פריש, וואָס האָט אַלץ גערעדט מיט אַ חיות, און שעה'ן נאָכאַנאַנד האָט ער געקענט מפרש זיין און מסביר זיין ברסלב'ער ספרים, וואָס זיינע תורה'ס זענען געווען ממש דאָס חיות פאַר חסידים.

זיין זיידע דער טשעהרינער רב האָט אים געזאָגט כמה פעמים בזה הלשון, **"דו זאָלסט וויסן אַז דו ביסט דעם רבי'נס אַ מענטש, דו ביסט אַ באַדינער פונעם רבי'ן פאַר אונזערע לייט, הן בתורה הן בתפילה".**

## רב אין קרעמענטשוג

בלויז דריי יאָר נאָך זיין חתונה, זייענדיג בלויז 19 יאָר אַלט, איז שוין רבי אברהם אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין די שטאָט קרעמענטשוג, וואָס איז געווען אַ גרויסער אידישער צענטער בימים ההם. ער איז נאָך ווייטער געשטיגן אין תורה, און אין דער זעלבער צייט געוואָרן פילפאַכיג מער דבוק אין הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע און זיינע הייליגע ספרים, און אין דער זעלבער צייט גע'פסק'עט שאלות און געגעבן הוראות פאַר אידן, און אויך געגעבן סמיכה להוראה פאַר אַזוינע וואָס זענען שפּעטער אויסגעשטיגן אַלס גרויסע רבנים און גדולי בעלי הוראה.

ער איז שפּעטער צוריק קיין טשעהרין צום זיידן, און אין יאָר תר"נ, ווען רבי נחמן טשעהרינער איז נישט געזונט געוואָרן, האָט ער געשטעלט זיין אייניקל אַלס ממשיך דרכו, די קומענדיגע דרייסיג יאָר איז רבי אברהם פאַרבליבן אין טשעהרין, ביז צו די פּאָגראָמען אין שנת תר"פ, ווען ער איז צוריק קיין קרעמענטשוג. זיין השפעה האָט דערגרייכט ווייט אַרויס פון די גרעניצן פון אוקראַינע, אויך צווישן ברסלב'ער חסידים אין פּוילן פאַר דער קריג.



די אַלטע צענטראַלע שול אין אומאַן

## אַלס סופר סת״ם

זיין נאָענטער תלמיד הגה״צ רבי גדלי׳ אהרן קעניג זצ״ל שרייבט אויף אַ פלאַץ:

כ׳געדענק אַז מיין רבי עט״ר הגאון החסיד והעניו האמיתי כקש״ת הרב רבי אברהם זי״ע שטערנהאַרץ האָט מיר דערציילט, אַז יונגערהייט איז ער געווען זייער געענגט אין פרנסה, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ פאַכמאַנישע האַנט, אַ הערליכן כתב יד, האָט אים זיין זיידע הגה״ק דער טשעהרינער רב זצ״ל גע׳עצה׳ט ער זאָל אָנהויבן עוסק זיין אין כתיבת סת״ם, קענענדיג גוט הלכות סופרות.

אָבער היות ער איז געווען אַזוי בקי אין ספרים הקדושים, און געוואוסט די חומרא און גרויס זהירות וואָס פעלט זיך אויס פאַר אַ סופר, האָט ער געענטפערט דעם זיידן דער טשעהרינער רב זצ״ל, אַז ער האָט מורא, ער ציטערט פשוט צו ווערן אַ סופר סת״ם, לויט ווי ס׳שטייט אין ספרים הקדושים געפערליכע האַרבע עונשים פאַר איינעם וואָס איז נישט נזהר אַזוי צו שרייבן כהלכה ובקדושה.

האָט אים זיין זיידע דער טשעהרינער רב געענטפערט:

**״אויב אַזוי ווער דען זאָל זיין אַ סופר סת״ם, דער וואָס האָט נישט מורא פון דעם אַלעם, חס ושלום? אדרבא, דו וואָס דו ביסט אַ ירא השם, דו ציטערסט אַז דו וועסט נישט יוצא זיין דעם פליכט, דו וועסט דיך קענען משתדל זיין נזהר צו זיין דאָס מערסטע וואָס ס׳איז מעגליך!״**

(שערי צדיק ח״ח אות תיז)

היות ער איז געווען אַ סופר סת״ם, האָט ער אויך באַקומען דעם צונאָמען ׳סופר׳ – ר׳ אברהם שטערנהאַרץ-סופר.

## שליח ציבור ביים קיבוץ אין אומאַן

אין שנת תרמ״ד, בעת רבי אברהם איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן פון בלויז 22 יאָר אַלט, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דער בעל תפילה



דער אַלטער קלויז פון ברסלב׳ער חסידים אין אומאַן

ביים ברסלב'ער 'קיבוץ' אין אומאַן, וואו מאַסן ברסלב'ער חסידים פלעגן קומען צו פאָרן יעדעס יאָר אויף ראש השנה.

ער איז געשטעלט געוואָרן דערצו דורך זיין זיידן רבי נחמן טשעהרינער זי"ע, נאָך די פטירה פונעם פריערדיגן בעל תפילה הגה"צ רבי נחמן חזן מטולטשין זצ"ל, און באַלד האָבן די אַלטע תלמידים פון זיין גרויסן זיידן רבי נתן מברסלב זי"ע, וואָס האָבן געדאַוונט אינאיינעם מיט אים אין אומאַן, באַוואונדערט דאָס געוואַלדיגע כח התפילה און השתפכות הנפש וואָס גיסט זיך אַרויס פון דעם יונגערמאַן רבי אברהם.

די קומענדיגע נאָענט צו 70 יאָר רצופות האָט רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ"ל אָנגעהאַלטן דעם פּאָסטן פון "בעל תפילה" פאַר ברסלב'ער חסידים ראש השנה, צום ערשט 50 יאָר אין אומאַן, און דערנאָך נאָך 20 יאָר אין ארץ ישראל, וואו אידן האָבן זיך דערקוויקט ביים הערן זיין זיסע לויטערע שטימע, אַ תפילה מנהמת לב טהור, ורבים השיב מעוון.

רבי אברהם פלעגט געווענליך דאַווענען פאַר'ן עמוד אין אומאַן סליחות ליל 'זכור ברית', מנחה ערב ראש השנה, מעריב, און ביידע שחריתים. שוין ביים אָנהויבן פאָרזאָגן די סליחות ליל "זכור ברית", האָט ער אַריינגעברענגט אַ מתיקות נפלאה מיט געוואַלדיגע בכיות, וואָס האָט מעורר געווען דעם גאַנצן עולם.

רבי אברהם האָט אין דעם תפקיד פון שליח ציבור געזען אַזאַ גרויס חשיבות, אַז פיל מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט אַז ס'איז אין זיינע אויגן חשוב'ער ווי דאָס רבנות אין קרעמענטשוג.



דער באַרימטער ברסלב'ער משפיע
הרה"צ רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל

# הרה"צ רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל שילדערט די תפילות

הרה"צ רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל, וואָס איז שפּעטער אַרויפגעפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו ער איז געווען דער גרויסער משפיע און מעתיק שמועה ביי חסידי ברסלב, פלעגט דערציילן אַז ער האָט געדענקט רבי אברהם שטערנהאַרץ פון אומאַן, בעת ער איז שוין געווען 52 יאָר אַלט, נאָך אין אלול תרע"ד, דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס רבי לוי יצחק איז אָנגעקומען קיין אומאַן לכבוד ראש השנה תרע"ה, און רבי אברהם האָט נאָך דאַן אויסגעקוקט ווי אַ יונגערמאַנטשיקל מיט אַ שוואַרץ בערדל.

רבי לוי יצחק האָט געשילדערט וויאַזוי ס'האָט אויסגעקוקט די תפילות ערב ראש השנה אינעם קלויז אין אומאַן, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן ביי חצות הלילה. צום ערשט איז מען געווען ביים ציון הקדוש פון רבי נחמן מברסלב זי"ע און דאָרט מתפלל געווען מיט גרויס התעוררות. אַ שעה נאָך חצות איז שוין רבי אברהם שטערנהאַרץ אַריבערגעגאַנגען צום קלויז און זיך געשטעלט גרייט אַלס שליח ציבור צו זאָגן די סליחות. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין געוואַלדיגן שאגת ארי וקול נעים דעם פּסוק "אשרי יושבי ביתך", האָט דעם גאַנצן עולם דורכגענומען אַ ציטער, און **'עס איז שוין געוואָרן אַ שטיק ראש השנה'.**

דער גרויסער ציבור וואָס איז נאָך בשעת מעשה געווען ביים ציון און מתפלל געווען, איז פשוט דערציטערט געוואָרן דעם הערנדיג מעכטיגן געשריי פון רבי אברהם, וואָס האָט זיך געהערט ווי אַ קול שופר חזק מאוד, כאילו דער קול רופט זיי צו קומען. אַלע האָבן בליץ שנעל אָנגעהויבן לויפן צום קלויז מיט איין אָטעם, און די שטימע פון רבי אברהם שטערנהאַרץ האָט געדונערט אין חלל פון קלויז, זיך צעשפּרייט אין די גאַנצע סביבה, אויסלאָזנדיג יעדע איינציגע שטיקל פון סליחות, און באַזונדער דעם סיום פון "א-ל הורית לנו לומר שלש עשרה", וואו זיין שטימע איז אַרויף נאָך העכער, באַגלייט מיט בכיות און תחנונים, בעת הייסע טרערן רינען אים פון די אויגן, און זיין האַרץ גיסט ווי וואַסער.

ווי רבי לוי יצחק בענדער האָט געזאָגט, האָט אים יענעם מאָל ביים ערשטן מאָל אָנקומען קיין אומאַן, נאָכ'ן הערן דעם 'זכור ברית', געקלונגען די 'סליחות' אין די אויערן דעם גאַנצן ערב ראש השנה. ער האָט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, ער האָט נאָך אַזוינס נישט געהאַט געזען. ער האָט געשפּירט בחוש וואָס דער רבי [רבי נחמן] האָט געהאַט געזאָגט, 'אַנדערע ווינטשן זיך אַ ראש השנה, ווי ביי אים ערב ראש השנה'. אַזאַ פייער האָט דאָרט געברענט.

נאָך האָט רבי לוי יצחק זצ"ל דערציילט, ווי ער געדענקט וויאַזוי ביים צוגיין צו מנחה ערב ראש השנה פאַר'ן עמוד, האָט רבי אברהם אָנגעהויבן מיט'ן געבן אַ געשריי "**וידבר**", וואָס האָט איינגעפעדימט דעם גאַנצן ראש השנה. ביי רבי לוי יצחק איז עס געווען אַ נייעס, ווייל אין פוילן איז מען ערשט אַריינגעקומען צום דאַווענען ביי מעריב, אָבער אין אומאַן ביי רבי אברהם שטערנהאַרץ האָט ער געזען דאָס ערשטע מאָל, ווי די שול הילכט שוין אויך ביים זאָגן קטורת בכוונה, וואָס האָט געהאַט אַזאַ מין אייגנאַרטיגן געשמאַק.

דער נוסח התפילה וואָס רבי לוי יצחק זצ"ל פלעגט שפּעטער דאַווענען פאַר'ן עמוד בעת ער האָט אַליין געדינט אַלס בעל תפילה ערב ראש השנה, איז געווען אַקוראַט ווי דער נוסח וואָס רבי אברהם שטערנהאַרץ ז"ל האָט געדאַוונט אין אומאַן.

אַמאָל, האָט רבי לוי יצחק דערציילט, איז אַ משכיל אַריבער די ברסלב'ער שול אין אומאַן ראש השנה אינדערפרי, בעת רבי אברהם שטערנהאַרץ האָט געדאַוונט שחרית פאַר'ן עמוד, איז יענער אַריין אין שול, און פונקט האָט מען געזאָגט 'לא-ל עורך דין'. האָט יענער נאָכדעם געזאָגט: "**וואָס זאָל איך אייך זאָגן, די מענטשן האָבן געוויינט? די ווענט האָבן געוויינט!**" דאָס התעוררות דאָרט האָט צעשאָקלט יענעם ביז צו די טיפענישן פון זיין נשמה.

*

יענעם יאָר ראש השנה תרע"ה איז געפאַלן אום זונטאָג נאַכט, און גאַנץ שבת פריער האָט שוין רבי אברהם געדאַוונט פאַר'ן עמוד, כאָטש אַ בעל תפילה היט זיך געווענליך די כוחות אויף ראש השנה. מאָנטאָג נאַכט, ראש השנה מיטל-נאַכט פאַר מעריב, האָט רבי אברהם זיך געשטעלט אויפ'ן באַלעמער אינמיטן קלויז, דאָרט פאָרגעלערנט די לאַנגע גרויסע תורה'ס פון "תקעו ממשלה" (ליקו"מ ח"ב סימן א), "תקעו אמונה" (שם סימן ה) און "תקעו תוכחה", וואָס האָט געדויערט עטליכע שעה. ער




ביהמ"ד "אור אברהם" דחסידי ברסלב ע"ש הגה"ח רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ"ל אין די עזרת תורה געגנט אין ירושלים, אויפגעשטעלט דורך זיין תלמיד הרה"ח ר' משה בורשטיין זצ"ל

האָט דאָס געזאָגט הויך מיט אַ מעכטיגע שטימע, מיט קולי קולות, ווי איינער וואָס דאַווענט פאַר'ן עמוד, און נאָכדעם האָט ער נאָך געדאַוונט מעריב פאַר'ן עמוד.

האָבן די געהויבענע חסידים אים געזאָגט: **"רבי אברהם, דאַרפסט דיך היטן פאַר אַ גוט אויג! אויסשרייען אַ תורה הויך אויף אַ בימה, און די גאַנצע שול זאָל הערן, און אַ תורה ווי תקעו תוכחה!"**

האָט ער געענטפערט, **"ניין, דער רבי [הרה"ק רבי נחמן] איז אַ טוב עין, כ'האָב נישט מורא!"...**

אַזוינע כוחות הנפש האָט ער געהאַט, שטייענדיג עטליכע אויף די בימה, און מיט אַ שאגת ארי, ווי אַ גיבור כח, פאָרגעלערנט און אויך נאָכדעם געדאַוונט פאַר'ן עמוד.

פופציג יאָר האָט רבי אברהם אָנגעהאַלטן דעם פאָסטן אַלס שליח ציבור ביים קיבוץ ראש השנה אין אומאַן, זייענדיג דער בעל מנגן מיט'ן קול מעורר, ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן הייזעריג.

אגב, ס'איז דאָ אַ באַקאַנטער ניגון וואָס מ'זינגט אין ברסלב אויף דעם זמר "יצוה צור חסדו" ביי שלש סעודות, וואָס רבי אברהם שטערנהאַרץ האָט מפרסם געווען צווישן חסידי ברסלב אין אומאַן, און געזאָגט אַז ס'איז מקובל אין טשעהרין, אַז ווען הרה"ק רבי נחמן מברסלב האָט דאָרט באַזוכט פון מאָל צו מאָל, האָבן די חסידים געזונגען דעם ניגון התעוררות פאַר'ן זאָגן תורה, און הרה"צ רבי לוי יצחק בענדער ז"ל האָט אַרויפגעלייגט דעם ניגון אויף די ווערטער פונעם פיוט 'יצוה צור חסדו'.

*

הגה"צ רבי שמואל משה קרעמער שליט"א שרייבט אין זיין הקדמה צום קונטרס 'חדי רבי שמעון' (ערשינען אין שנת תש"מ), ווי גרויס מ'האָט געהאַלטן אין ברסלב פון רבי אברהם, איז געשטעלט אַז ער זאָל זיין דער 'בעל תפלה' ר"ה אין אומאַן, און ער זאָל זיין דער וואָס זאָל פאַרלערנען די תורה פאַר'ן קיבוץ הק' אין אומאַן ראש השנה, וואו זיינע תפילות און לימודים נפלאים זענען צוגעגאַנגען מיט אַזאַ התלהבות עצומה, מיט אַזאַ מתיקות און נעימות נפלאה, וואָס האָט געשלאָגן וואָרצלען אין די הערצער פון אַלעמען ביים קיבוץ.

דערציילט רבי משה שליט"א, אַז ס'זענען געווען חסידים וואָס זענען געווען צעשפרייט, געוואוינט אין ווייטע פלעצער, וואָס האָבן געשעפט זייער גאַנצן חיות און עבודת השי"ת יעדעס יאָר פון דעם הייליגן רושם וואָס איז זיי פאַרבליבן אין האַרץ פון ראש השנה אין אומאַן, **די תפילות און די לימודים פון רבי אברהם שטערנהאַרץ ז"ל, וואָס האָט געקענט אַלע תורה'ס פון רבי'ן [רבי נחמן] זצ"ל און ליקוטי הלכות פון זיין זיידן רבי נתן זצ"ל, ס'איז אים געווען איינגעקריצט אין האַרצן, און ביים זאָגן די תורה ברבים האָט ער מקיים געווען "שימה בפיהם", ער האָט עס מבאר געווען מיט אַזאַ וואונדערליכע הסברה, אַז ער האָט אַריינגעברענגט אַ הבנה אין די טיפסטע ווערטער פון רבי נחמן זי"ע אויך אין די סאַמע גרעסטע פשוטי עם.**

**"ער איז געווען אַ געשטאַלט פון אַן אמת'דיגער ברסלב'ער חסיד, וואָס האָט איינגעזאַפט אין זיין בלוט פונעם הייליגן גייסט פון די גדולי תלמידי רבי נתן ז"ל. ער איז געווען דער גייסט פון לעבן אין אומאַן פופציג יאָר רצופים, און זיין דעת תורה, וואָס איז די ריינע דעת פון ברסלב, האָט נישט קיין ענליכקייט אין אונזער דורי"...** – פירוש אויס הגה"צ רבי שמואל משה קרעמער שליט"א.

## אַרויספאָרן פון אונטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג

אין די יאָרן תר"פ און תרפ"א האָט רבי אברהם נישט געקענט מער אָנקומען אויף ראש השנה קיין אומאַן צוליב די שווערע פּאָגראָמען, אָבער תרפ"ב איז ער צוריק געווען ביים קיבוץ, און פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען מוסף פאַר'ן עמוד (רבי לוי יצחק בענדער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דאַווענען אַלס בעל תפילה פון שחרית). ער האָט עס אָנגעהאַלטן ביז ער איז אַרויף קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט ווייטער געדינט אַלס שליח ציבור אין די קומענדיגע נאָענט צו 20 יאָר.



הגה"ח רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ"ל האַרט איידער'ן פאַרלאָזן דעם אייזערנעם פאָרהאַנג



רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ"ל האַלט אין די האַנט אַ בעכער וויין ביי אַ חופה פון אַ זון פון רבי גדלי' קעניג זצ"ל. – צו רעכטס איז הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל גאב"ד ירושלים און הגאון רבי פנחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד

רבי לוי יצחק בענדער האָט דערציילט, אַז רבי אברהם האָט אים אַליין דערציילט, אַז בעצם האָט ער געוואָלט פאָרן נאָך פיל פריער קיין ארץ ישראל, שפּירנדיג אַז ער קען דאָרט פאַרשפּרייטן תורת ברסלב [עס איז דאָ אַ בריוו וואָס רבי אברהם שרייבט, **"מאמין אני שדברי אדמו"ר [רבי נחמן] זלל"ה מסוגלים ביותר לעורר לב ישראל בארץ ישראל"**], נאָר זייענדיג אַ סופר וואָס האָט געשריבן פרשיות, האָט ער אַמאָל פאַרפעלט צו שרייבן אין אַ מזוזה די ווערטער 'על האדמה' אין פסוק 'למען ירבו ימיכם', האָט ער מורא באַקומען צו פאָרן קיין ארץ ישראל, ווייל ער וועט נישט האָבן דאָרט קיין אריכות ימים. ערשט העכער די זיבעציג האָט ער מער נישט געציטערט, און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן.

אין שנת תרפ"ח האָט זיך רבי אברהם אָפּיציעל געצויגן קיין אומאַן, נאָענט צום קלויז פון ברסלב'ער חסידים, וואו ער האָט געדינט אַלס רב און מנהיג פון די חסידים, נאָך אַ לענגערע תקופה וואָס רבי אברהם האָט געפירט מיט מסי"נ דעם קלויז און דעם ציון הקדוש אין אומאַן, נאָך אונטער די נעגל פון די קאָמוניסטישע רשעים אין אוקראַינע, איז געקומען אַ הוראה פון 'אויבן', אַז מ'דאַרף זיך אָפּגעבן מיט שטערנהאַרץ, וואָס האָט געצוואונגען רבי אברהם צו אַנטלויפן באַצייטנס, ווילאַנג ער קען נאָך.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע אַרבעט פון פעולות אַרויסצוברענגען רבי אברהם פון אונטער'ן אייזערנעם פאָרהאַנג און אים ערמעגליכן צו קענען אַרויספאָרן קיין ארץ ישראל, אין ירושלים האָבן זיך איינגעשפּאַנט פאַר אים זיין תלמיד רבי הערש לייב ליפּל, רבי שמואל הורוויץ, רבי יודא לייב ראָזנפעלד, הגאון דער טעפּליקער רב זצ"ל, און רבי חיים לייב אויערבאַך זצ"ל ראש ישיבת 'שער השמים', און אין די לעצטע מינוטן איז געלונגען צו ראַטעווען רבי אברהם פון די קאָמוניסטישע מלאכי חבלה.

צווישן די וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אים צו העלפן איז אויך געווען דער באַרימטער צדיק וקדוש דער זוועהילער רבי ר' שלמה'קע זי"ע, וואָס האָט געשריבן אַ ספּעציעלן בריוו צו די אינסטאַנצן, מ'זאָל שיקן אַ סערטיפיקאַט פאַר רבי אברהם שטערנהאַרץ, וואָס ווערט גע'רודפ'ט פון די בולשעוויקן'. [זע בייגעלייגט].

דער זוועהילער רבי האָט שפּעטער זייער מחשיב געווען רבי אברהם, דער "קרעמענטשוגער רב", ווי ער פלעגט אים רופן על שם זיין רבנות אין קרעמענטשוג, אוקראַינע. דער זוועהילער רבי האָט יעדן ערב שבת געשיקט אַ פלאַש וויין צו רבי אברהם שטערנהאַרץ אין ירושלים.

*

ראש השנה תרצ"ו האָט נאָך רבי אברהם געדאַוונט פאַר'ן עמוד אין אומאַן ביים קיבוץ פון ברסלב'ער חסידים, און יענעם ווינטער, זייענדיג שוין **74** יאָר, איז ער אַרויפגעפאָרן קיין ארץ הקודש. ס'איז דאָ אַ בריוול וואָס ער שרייבט פון ארץ ישראל 'בטחו בה' עדי ע"ד' [74].



זיינע געהויבענע תלמידים ר' משה בורשטיין און ר' גדליה קעניג מיט זיין זון ר' נתן שטערנהארץ ביי זיין יארצייט אויפ'ן ביה"ח

שנת תרצ״ו איז אייגנטליך געווען דער לעצטער אָפיציעלער קיבוץ וואָס ברסלב׳ער חסידים האָבן אָפּגעהאַלטן ראש השנה אין אומאַן [ביז ס׳איז צוריק באַנייט געוואָרן תשמ״ט, נאָכדעם וואָס דער אייזערנער פאָרהאַנג איז געגנצליך געפאַלן אינעם סאָוויעטן פאַרבאַנד]. דעם אַנדערן יאָר, ראש השנה תרצ״ז, איז מער נישט פאָרגעקומען קיין קיבוץ, און די ווייניג חסידים וואָס זענען נאָך יאָ געקומען צו פאָרן אויף ראש השנה, האָבן געדאַוונט פאַרשטעקט אין געדונגענע דירות, צוליב׳ן שרעק פון די קאָמוניסטן.

## אין עיר הקודש והמקדש

אין ארץ ישראל האָט זיך רבי אברהם שטערנהאַרץ באַזעצט צווישן די ריזן, די אנשי השם פון ברסלב׳ער חסידים, ווערנדיג בליץ שנעל דער מובחר וזקן שבחבורה, און עווענטועל דער מנהיג און משפיע פון די חסידים אין ארץ הקודש.

יענעם חודש אדר תרצ״ו, ווען די קליינע ברסלב׳ער קהילה אין ירושלים האָט געהערט די גוטע בשורה, אַז ס׳איז יעצט אָנגעקומען קיין ירושלים דער צדיק רבי אברהם שטערנהאַרץ פון אומאַן, דער רב פון קרעמענטשוג, דער אור-אייניקל פון הרה״ק רבי נתן – דער תלמיד מובהק פון הרה״ק רבי נחמן, דער אָפּשטאַמיגער פון אַזאַ מיוחס׳דיגע גזע, און דער גרויסער בעל תפילה ומשפיע פון אַזויפיל יאָרן, זענען זיי געוואָרן דורכגענומען מיט פרייד און רגש.

אַ קליינינגקייט, אַזאַ איד, אַזאַ גאון וקדוש קומט אָן קיין ירושלים. דער צדיק רבי אברהם איז דאָך שוין געווען באַרימט מיט זיין חכמה, זייענדיג דער שופר פאַר חסידות ברסלב, האָבן די חסידים, וואָס זענען געווען דעמאָלט בעיקר קאָנצענטרירט אין אַלט-שטאָט ירושלים, געדאַנקט דעם באַשעפער, וואָס צדיק בא לעיר, ׳אשרינו, זכינו׳.

די ערשטע וואָכן האָט דער צדיק רבי אברהם שטערנהאַרץ, וואָס איז שוין געווען דאַן אַן אַלטער איד פון 74 יאָר, געוואוינט אין הויז פון הגה״ח רבי יונה לעבל ז״ל אין אַלט-שטאָט ירושלים, וואו ער האָט איינגעזאַפּט די קדושת ירושלים עיה״ק און זיך דערקוויקט פון די יקירי ירושלים. שפּעטער האָט ער זיך געצויגן וואוינען אין די אונגאַרישע הייזער אין ניי-ירושלים, אין הויז פון הרה״ח ר׳ עמרם יוסף וואַלענשטיין ז״ל, דער שווער פונעם ברסלב׳ער חסיד הגה״ח רבי שמואל הורוויץ זצ״ל. ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן אַלס ׳פאַרהערער׳ אין תלמוד תורה ׳שומרי החומות׳.

ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט רבי אברהם שטערנהאַרץ אָנגעהויבן אַריינבלאָזן פרישע כוחות אין די ברסלב׳ער חסידים. זייענדיג פריער אַ רב אין קרעמענטשוג, איז ער אויך געוואָרן געשעצט און אָנגענומען אין ירושלים, ער האָט געענטפערט שאלות און הלכה, געגעבן עצות פאַר אידן, און די גדולי וחכמי ירושלים האָבן אים זייער מעריך געווען, צווישן זיי מרן הגה״ק הגרי״צ דושינסקיא זצ״ל הגאב״ד און זיין זון הגרי״מ דושינסקיא זצ״ל (שפּעטער גאב״ד), וואָס האָבן אים מכבד געווען באופן מיוחד, אויך דער ראב״ד פון עדה החרדית הגאון רבי פנחס עפּשטיין זצ״ל איז געווען מיט אים שטאַרק באַפריינדעט, אַזוי האָט ער גענאָסן קירבות און הערצה ביי הגאון דער חזון איש זצ״ל, הגאון הצדיק המקובל רבי אשר זעליג מרגליות זצ״ל, הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ״ל, הגאון רבי אשר זאב ווערנער זצ״ל רב פון טברי׳, און שפּעטער ביי הגאון רבי דוד שפּערבער זצ״ל בראַשויער רב, דער גערער רבי כ״ק אדמו״ר הבית ישראל זצ״ל, און נאָך.

הגאון רבי מרדכי אהרן שיינבערגער זצ״ל, האָט דערציילט, אַז דער באַרימטער גאון דער טעפּליקער רב, רבי שמשון אהרן פּאָלנסקי זצ״ל, וואָס איז אין ירושלים געווען אַנערקענט אַלס איינער פון די גאוני ההוראה, וואָס האָט מסמיך געווען צענדליגער מורי הוראה אין ירושלים, האָט אָפּגעגעבן גרויס כבוד פאַר רבי אברהם שטערנהאַרץ, ווי ער האָט אַליין צוגעזען, אַז ווען רבי אברהם איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט זיך דער טעפּליקער רב אויפגעשטעלט פאַר אים מלא קומתו. ווען ער האָט זיך אַמאָל געוואונדערט דערויף, האָט אים דער טעפּליקער רב געזאָגט, אַז ער האָט געלערנט מיט רבי אברהם די הוראה אין אוקראַינע און פון אים באַקומען סמיכה!

## די ערשטע נסיעה קיין מירון

בלויז צוויי טעג נאָכ׳ן אָנקומען קיין ארץ הקודש, האָט שוין דאָס האַרץ פון רבי אברהם שטערנהאַרץ אָנגעהויבן פיבערן, מ׳מוז מאַכן אַ נסיעה קיין מירון לכבוד ז׳ אדר, דער טאָג פון פטירת משה רבינו וואָס פאַלט אויס מוצאי שבת. ממש פון די רגע וואָס ער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, האָט זיין נפש געגלוסט און נישט אָפּגעלאָזט קיין רגע, ער האָט נישט געוואָלט עפּעס אַנדערש ווי זוכה זיין זיך משתטח צו זיין ביים תנא הקדוש רשב״י אין מירון, און פרי דאָנערשטאָג פאַרטאָגס האָט טאַקע רבי אברהם שטערנהאַרץ זיך אַרויסגעשלעפּט צו ווײלן אויף שבת אין מירון.

די וועגן בימים ההם זענען נאָך געווען געפערליך שלעכט, פאַרדרייט, זיך געצויגן לאַנג ווי אָן אַן עק. אין די פאַרקרומטע שאָסייען האָט מען שווער געקענט דורכטראָגן די לאַנגע אויסמאַטערנדע נסיעה מיט אויטאָמאָבילן. ווען מ׳פלעגט אָנקומען צו אַ פּלאַץ וואו ס׳איז געווען גאָר אַ שיפּער באַרג אַרויף, זענען די רייזנדע אַראָפּ און געהאָלפן שטופּן דעם טענדער, ס׳זאָל זיך רירן אַביסל... און נאָך אַביסל.

אָבער די אַלע שוואַכע רייזע-מיטלען האָבן נישט געקענט אָפּגעהאַלטן די גלוסטעניש פון רבי

{פאָרזעצונג אויף זייט 31}



**בריוו וואָס הרה״ק רבי שלמה׳קע זוועהילער זצ״ל האָט געשריבן לטובת רבי אברהם שטערנהאַרץ זצ״ל**

רבי שלמה׳קע האָט עס געשיקט צו די נויטיגע אינסטאַנצן, מ׳זאָל שיקן אַ סערטיפיקאַט פאַר רבי אברהם צו קענען קומען קיין ארץ ישראל

דער בריוו לייענט זיך:

ב״ה

הנני מאשר בזה כפי ששמעתי מפי אנשים הנאמנים, כי הרב ר׳ אברהם שטרנהרץ הוא משנים רבות מורה הוראות בעיר טשעהרין, ועתה מתגורר באומין, והוא נרדף מצד הבולשבים בתור רב ודיין.

ירושלם י״ב טבת תרצ״ד.



דאָס אַלטע בנין פון ישיבת "עץ חיים", אין הויף פון "חורבת רבי יהודה החסיד" אין אַלט־שטאָט ירושלים עיה"ק וואו עס פלעגט פאָרקומען דער יערליכער קיבוץ ראש השנה אין ירושלים

{פאָרזעצונג פון זייט 23}

אברהם שטערנהאַרץ צו פאָרן צום ציון פונעם תנא האלקי. ער האָט זיך געשטאַרקט אויף יעדע שטרויכלונג, איבערגעהיפּט יעדע מניעה, און איז געפאָרן קיין צפון פון לאַנד, ווען דאָס האַרץ וואַקסט אים פאַר פרייד פון דער קדושה וואו מ'צילט אָנצוקומען.

רבי אברהם שטערנהאַרץ איז נישט געפאָרן אַליין, צו אים האָבן זיך אָנגעשלאָסן עלף חשוב'ע חסידים, וועלכע האָבן געפונען דעם ציון הק' פון רבי שמעון אין אתרא קדישא מירון לער און וויסט. קיינער איז נישט געווען דאָרט. און ווי נאָר רבי אברהם איז אָנגעקומען מיט די חסידים קיין מירון, האָבן זיי געשפּירט ווי דאָס אָרט זייערס: פאַר זיי איז דאָס אָרט באַשטימט. זיי האָבן געהאַט אַ הויפן בקשות וואָס זיך אויסצוגיסן ביים תנא האלקי, און זיי האָבן דאָרט הייס מתפלל געווען.

תיכף יענעם ערב שבת פאַר'ן דאַווענען מנחה, האָט רבי אברהם שטערנהאַרץ אויסגערופן מיט אַ קאָך דאָרט אין מירון: **'יושר וואָלט געווען, אַז אויב קען מען נישט פאָרן אויף ראש השנה קיין אומאַן [וואָס איז כידוע ביי ברסלב'ער חסידים פון די סאַמע גרעסטע זאַכן], זאָל מען כאָטש פאָרן קיין מירון, זיין דאָ ביי די קברי צדיקים, ווייל דער גאַנצער ענין פון רבי'ן איז געבויעט אויף רבי שמעון בן יוחאי'.**

דאָס איז געווען די הכרזה צום 'קיבוץ' וואָס ברסלב'ער חסידים האָבן ערשט שפּעטער דורכגעפירט און אָנגעהויבן פּראַווען, אין שפּיץ פון רבי אברהם שטערנהאַרץ, יעדעס יאָר ראש השנה אין מירון.

נאָכדעם וואָס יענער שבת איז אַריבער גאָר געהויבן, האָט די חבורה עס אָנגעהויבן מאַכן אָפּט. דאָס קומענדיגע מאָל איז מען געפאָרן קיין מירון אויף ל"ג בעומר יענעם יאָר תרצ"ז.

פון דעמאָלט אָן איז רבי אברהם געווען מערערע מאָל אין מירון. אַמאָל שוין ממש סוף ימיו, ווען ער איז געווען שבת חנוכה אין מירון, איז ער געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה נעבן ציון הק', כאָטש דאָס וואַסער איז געווען זייער קאַלט, אַז אפילו יונגעלייט האָבן נישט געקענט אַהין אַריינגיין, זעענדיג ווי מ'וואונדערט זיך אויף אים, האָט ער זיך אָנגערופן, **"פאַר אַ סאָלדאַט, וואָס דאַרף דינען דעם קעניג, איז נישטאָ קיין תירוצים!"**

## דער קיבוץ אין ירושלים

ברסלב'ער חסידים פלעגן ביז דעמאָלט דאַווענען יעדן ראש השנה אין אַלט-שטאָט ירושלים, וואו זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ 'קיבוץ' אינעם אַלטן בנין פון ישיבת "עץ חיים", אין הויף פון "חורבת רבי יהודה החסיד".

ראש השנה תרצ"ז, האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פירן די תפילות אונטער די הנהגה פון רבי אברהם שטערנהאַרץ, וואָס האָט דעמאָלט געדינט אַלס שליח ציבור ביי מוסף, נאָכ'ן דינען אַרום 50 יאָר אַלס שליח ציבור ביים קיבוץ ראש השנה אין אומאַן. רבי אברהם וואָס האָט געוואוינט אויסער די חומות, האָט ספּעציעל געדונגען אויף ראש השנה אַ שטיבל נאָענט צו די שול אין אַלט-שטאָט.

ווען ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד, איז רבי אברהם שטערנהאַרץ געוואָרן דורכגענומען מיט ציטער און יראה. און זיין שטימע, וואָס האָט זיך געהויבן גאָר הויך, האָט דערוועקט אויך אַזוינע וואָס האָבן געדרימלט צווישן די מתפללים. פילע אידן אין אַלט-שטאָט זענען געקומען אויסהערן דעם אויסגעווייקטן אַלטן בעל תפילה, וואָס האָט אַריינגעגאָסן אַ העכערע קדושה אינעם גאַנצן ראש השנה.

מ'דערציילט אַז בעת הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע איז צוריקגעקומען יענעם יאָר ראש השנה פון כותל, האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער רבי אליעזר עקשטיין: **"לאָמיר יעצט גיין הערן דעם בעל תפילה וואָס דער הימל איז אָפן פאַר אים"**. זענען זיי געגאַנגען ביידע הערן דאָס דאַווענען מוסף פון רבי אברהם שטערנהאַרץ ביי די ברסלב'ער חסידים, און זינט דעמאָלט איז רבי אליעזר עקשטיין געוואָרן אַ מקורב צו ברסלב.

צווישן די וואָס זענען געקומען לשמוע אל הרינה ואל התפילה, זענען אויך געווען הגאון רבי אפרים פישל ראַבינאָוויץ זצ"ל, ראש ישיבת "תפארת ישראל", און הרה"ח רבי חיים יצחק כהן, באַקאַנט אַלס 'רבי חיים איטשעס', משגיח אין ת"ת חיי עולם, און נאָך גדולים וחשובים פון ירושלים של מעלה.

הגם רבי אברהם האָט אָריגינעל געוואָלט אָפּהאַלטן דעם 'קיבוץ' אין מירון, ווי ער האָט עס שוין דאָרט אַליין אויסגערופן אַ האַלבע יאָר פריער ז' אדר, האָט עס אָבער נישט געקענט צושטאַנדקומען צוליבן די שווערע פּאָגראָמען יענע צייט אין לאַנד, וואָס ס'איז געווען אַ בחינה פון סכנת נפשות, און דער געדאַנק צו ווײלן אין מירון איז בכלל נישט געווען דורכפירבאַר, ערשט עטליכע יאָר שפּעטער, פאַר ראש השנה תש"א, האָט ער איינגעשטעלט דעם קיבוץ אין מירון אויף ראש השנה.

(פאָרזעצונג קומט אי"ה)